# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת נשא שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# שיחות וסיפורים

## א גוטע שידוך

קס) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט שטענדיג פאר די בחורים איבער שידוכים: "ווען מען זוכט א שידוך דארף מען בעיקר קוקן אויב די מיידל האט גוטע מידות, די זעלבע איז ווען א מענטש גייט זוכן א חתן פאר זיין טאכטער דארף ער בעיקר זוכן א בחור וואס האט גוטע מידות, וואס וועט נישט טשעפען זיין טאכטער".

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "א מענטש וואס גייט נעמען א חתן פאר זיין טאכטער און ער קען נישט דעם בחור, ווי קען ער זיין רואיג אז דער נייער איידעם וועט נישט ווי טון זיין טאכטער? ווי קען דער מענטש שלאפן רואיג ביינאכט? דארף מען דאס עיקר קוקן אויף מידות, און מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, מען זאל טרעפן א גוטע שידוך, א בחור אדער מיידל מיט גוטע נאטורן, וואס טוען נישט וויי א צווייטן, וואס גיבן אכטונג אויף א צווייטן".

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "פונקט ווי מען קען נישט דערקענען אן ערליכער איד פון אינדרויסן, די זעלבע איז ביי א שידוך, עס קען זיין א בחור אדער מיידל וואס זעען אויס בא'חנ'ט און זיס, אבער אינעווייניג איז אינגאנצן דורכגעפוילט מיט שלעכטע מידות".

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: "א אינגערמאן האט זיך אמאל פארגליסט אין א הייסן זומערדיגן טאג א קאלטע דערפרישענדע מילגרוים, איז ער געגאנגען אין געשעפט און זיך געקויפט א שיינע, רויטע, זאפטיגע מילגרוים, ווען ער איז אנגעקומען אהיים און געעפנט דעם מילגרוים האט ער געזען אז דאס איז אינגאנצן ווערעמדיג און דורכגעפוילט, כאטש וואס מען

האט גארנישט געקענט דערקענען פון אינדרויסן. האט ער דאס געטראגן און געוויזן צו זיינע חבירים און זיי געזאגט: "פון אין דרויסן זעט דער מילגרוים אויס צו זיין געשמאק און זיס, ביז מען עפנט דאס, דעמאלט זעט מען דעם אמת; אזוי איז ביי א שידוך, עס קען אויסזען שיין און זיס, אבער אינווייניג איז דאס פארפוילט און ווערמדיג". דארף מען בעטן בעיקר דעם אייבערשטן אויף א 'גוטע שידוך', נישט נאר אויף א שיינע שידוך".

## עס טוט וויי

קסא) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "צום הייליגן סאטמאר רבי'ן זכותו יגן עלינו איז אמאל אריינגעלאפן א פרוי וויינען אז איר מאן שלאגט איר, זי האט זיך ארויפגעצויגן דאס ארבל און געוואלט וויזן פאר'ן רבי'ן איר ארעם ווי דאס איז געשוואלן און צעקלאפט, דער רבי האט זיך אוועקגעדרייט די אויגן, אבער האט גלייך געזאגט די גבאים זאלן לאזן רופן די פרוי'ס מאן.

ווען דער מאן איז אריין צום רבי'ן האט דער רבי אן קיין הקדמות אויפגעהויבן זיין זילבערנעם שטעקן און אנגעהויבן שלאגן דעם אינגערמאן, דער אינגערמאן איז געווען צומישט, ער האט נישט געוויסט וואס צו טראכטן, 'פארוואס שלאגט מיר דער רבי'? ביז דער רבי ז"ע רופט זיך אן צו אים: "דיין ווייב זאגט מיר אז דו שלאגסט איר, מן הסתם טוסטו דאס ווייל קיינער האט דיר קיינמאל נישט געשלאגן, דו ווייסט נישט אז דאס טוט וויי, איך וויל דיר געבן צו שפירן וואס מיינט כאפן קלעפ, אז דו זאלסט דאס מער נישט טון צו דיין ווייב".

# ווער איז א בעל עבירה

קסב) איין יאר זומער האט דער ראש ישיבה שליט"א יעדן טאג פארגעלערנט נאכ'ן פארמיטאג שיעור עטליכע דפים ספר המידות בטוב טעם ודעת, איין טאג האט מען געלערנט דעם שטיקל וואס דער רבי זאגט[א]: "הַנּוֹאֲפִים לָרֹב הֵם מִתְנַגְּדִים לַצַּדִּיקִים", האט איינער פון די בחורים געפרעגט: קומט אויס אז איינער וואס זינדיגט וועט שוין קריגן אויפן צדיק? האט דער ראש ישיבה שליט"א מסביר געווען: "איינער וואס פאלט דורך און ער קומט כסדר צוריק צום אייבערשטן, ער זאגט: "רבונו של עולם איך וויל זיין אן ערליכער איד, האב אויף מיר רחמנות וכו' וכו'"; אזא איינער איז נישט קיין נואף, און אפילו ער פאלט אראפ יעדן טאג מיט ביטערע עבירות איז ער נישט קיין נואף, ווידעראום קען זיין איינער וואס ער איז א מענטש וואס ער זינדיגט נישט, און ער איז באמת א שיינע איד, אבער ער האט איינמאל געזינדיגט און ער האט נישט תשובה געטון, פלוצלינג זעט מען ער רעדט אויף צדיקים; דאס וואס דער רבי זאגט "הַנּוֹאֲפִים לָרֹב הֵם מִתְנַגְּדִים לַצַּדִּיקִים" מוז נישט מיינען אז ער ווייסט בכלל אז ער איז א נואף, ער האט געזינדיגט און נישט תשובה געטון, צוליב דעם קריגט ער אויפ'ן צדיק".

אמאל האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט פון דעם זעלבן ענין, דער ראש ישיבה שליט"א האט דאס צוגעגליכן צו א טאפ טשולנט וואס מען קאכט אין דעם יעדן טאג, אבער מען וואשט דאס גוט אויס יעדן טאג, בלייבט נישט קיין שום זכר אז מען האט עפעס געקאכט אין דעם טאפ; ווי אנדערש איז אבער א טאפ וואס מען האט אין דעם געקאכט 'אפילו נאר איינמאל' א געקעכטס, אבער מען האט דאס נישט אויסגעוואשן, בלייבט דאך דער טאפ פארשמירט און שמוציג"...

---

[א] ספר המידות, ניאוף מ"ז

# נישט געלט האט דיר געשטערט

קסג) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "וואס ווילן קינדער? וואס דארפן קינדער? די שענסטע מתנה וואס מען קען געבן פאר די קינדער איז, די עלטערן זאלן לעבן אינאיינעם מיט שלום, רעדן שיין איינער צום אנדערן, זיך מכבד זיין איינער דעם צווייטן, דאס איז די שענסטע זאך וואס עלטערן קענען געבן פאר די קינדער".

א תלמיד האט זיך אמאל אויסגערעדט צום ראש ישיבה שליט"א, עס שטערט אים זייער אז אין זיינע יונגע יארן איז ער אויפגעוואקסן אין אן ארימע שטוב, זיינע עלטערן האבן קיינמאל נישט פארמאגט קיין געלט, ער האט קיינמאל נישט באקומען פון זיינע עלטערן 'טאשן געלט' וכדומה, ער וויל זייער פארמיידן זיינע קינדער פון דורכגיין וואס ער איז דורכגעגאנגען, ער וועט זיכער מאכן אז זיינע קינדער זאלן שטענדיג האבן עפעס געלט אין טאש וכו'.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "פאר א קינד דארף נישט וויי טון אז זיינע עלטערן געבן אים נישט קיין 'טאשן געלט', איך בין געווען א קינד האב איך קיינמאל נישט באקומען פון מיינע עלטערן קיין געלט (א צווייטע מאל האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: אלס אינגל, פאר'ן גיין אין קעמפ האט מיר מיין טאטע שליט"א געגעבן פינעף דאלאר אויפ'ן גאנצן זומער, און מיין טאטע האט מיר אנגעזאגט: "דאס געלט איז נאר אויף זיך קויפן ספרים"...), און איך האב בכלל נישט געשפירט ווי עפעס פעלט מיר; וואס עס שטערט דיר איז אז די שטוב ווי דו ביזט אויפגעוואקסן האט געפעלט ווארימקייט, עס האט געפעלט ליבשאפט, די עלטערן האבן זיך געקריגט, דאס איז וואס שטערט דיר, און ווען דו וועסט אויפשטעלן א שטוב זאלסטו זען אז די שטוב זאל אייביג זיין פרייליך, זאלסט זיך קיינמאל נישט קריגן מיט דיין ווייב, דעמאלט וועלן דיינע קינדער

זיין גליקליך און צופרידן, עס וועט זיי גארנישט פעלן".

## נישט טראכטן צופיל

קסד) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: יארן צוריק האט מיר איינער געזאגט: "דו ווייסט וואס דיין פראבלעם איז? דיין פראבלעם איז אז דו טראכסט נישט איבער (כלומר, פאר'ן זיך אונטערנעמען א גרויסער אונטערנעמונג) האסט געעפענט א ישיבה אן טראכטן"; היינט זע איך אז אין דעם איז תלוי מיין הצלחה ביז אהער. אויב וואלט איך צופיל איבערגעטראכט וואלט 'נאך גארנישט געווען', נאר ווייל מען טראכט נישט, מען טוט וואס מען דארף טון, אזוי איז געווארן א ישיבה, א חדר, א מיידל סקול, א כולל, א שטעטל און אזוי ווייטער!"...

## שלום בית

קסה) א אינגערמאן האט געטראגן דעם ראש ישיבה שליט"א ערגעץ וואו מיט זיין קאר, אויפ'ן וועג האט זיין ווייב אים גערופן אויפ'ן טעלעפאון, האט דער אינגערמאן געקווענקלט צי ער זאל אויפהייבן דעם רוף אדער נישט, אלס כבוד פונעם ראש ישיבה, האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געזאגט ער זאל אויפהייבן און צוגעלייגט: "איך פאר נישט מיט איינער וואס הייבט נישט אויף די טעלעפאון פאר זיין ווייב"... דער ראש ישיבה שליט"א האט אים געזאגט: "ווען דיין ווייב רופט דיר זאלסטו גלייך אויפהייבן, זאל זיין ווען עס זאל נאר זיין, מען טאר נישט ווערן נערוועז ווען די ווייב רופט, מען דארף זיך פרייען אז מען האט חתונה געהאט און מען האט א ווייב וואס ציעט אויף די קינדער און היט פון עבירות".

## יעדער האט זיך זיין שידוך

קסו) אמאל נאך א שידוך פון א תלמיד הישיבה האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן חיזוק פאר די בחורים און געזאגט: זייט נישט מקנא דעם חתן אז ער האט שוין געטראפן זיין שידוך, עס איז נישטא פארוואס צו מקנא זיין, יעדער האט זיך זיין שידוך וואס איז פאר אים אנגעשריבן, קיינער קען נישט צונעמען די שידוך פון א צווייטן".

דער ראש ישיבה שליט"א האט ווייטער געזאגט: "ווען מען קומט אראפ פון א פליגער דארף מען גיין אפנעמען די רענצלעך, איינער טרעפט זיין רענצל פריער, און איינער דארף ווארטן אביסל לענגער אבער יעדער האט זיין אייגענעם רענצל, קינער טראכט נישט פון נעמען א צווייטנ'ס רענצל מיט יענעמ'ס וועש און חפצים וכו'... דאס זעלבע איז ביי א שידוך, טראכט נישט 'דער שידוך וואלט באמת געדארפט גיין פאר מיר' וכו' וכו'; ווייל יעדער האט זיין אייגענעם שידוך".